20 איז, און וואָס וועט געשעען נאָך דעם; דעם סוד פון
די זיבן שטערן, וועלכע דו האָסט געזעען אויף מיין
רעכטער האַנט, און די זיבן גאָלדענע מנורות. די
זיבן שטערן זענען מלאכים פון די זיבן קהלות;
און די זיבן מנורות זענען די זיבן קהלות.

## קאַפּיטל צוויי

1 צו דעם מלאך פון דער קהלה אין עפעזוס שרייב:
דאָס זאָגט דער, וועלכער האַלט די זיבן שטערן
אין זיין רעכטער האַנט, וועלכער גייט אַרום אינמיטן
2 פון די זיבן גאָלדענע מנורות: איך קען דיינע מעשים,
און דיין מי און סבלנות, און אַז דו קענסט נישט
דערטראָגן די רשעים, און האָסט אויסגעפרוווט
די, וועלכע רופן זיך שליחים און זענען עס נישט,
3 און האָסט זיי אויסגעפונען פאַר ליגנער; און האָסט
געדולד און האָסט סובל געווען צוליב מיין נאָמען
4 און ביסט נישט געוואָרן מיד. נאָר איך האָב עפעס
קעגן דיר, אַז דו האָסט פאַרלאָזן דיין ערשטע ליבע.
5 געדענק זשע פונוואַנען דו ביסט אָפגעפאַלן, און
טו תשובה, און טו דיינע ערשטע מעשים; און אויב
נישט, וועל איך קומען און אַוועקשטויסן דיין מנורה
פון איר אָרט, אויב דו וועסט נישט תשובה־טון.
6 נאָר דאָס דאָזיקע האָסטו, אַז דו האָסט פיינט די
מעשים פון די ניקאָלאַאיטן, וועלכע אויך איך האָב
7 פיינט. ווער עס האָט אויערן, דער זאָל הערן, וואָס
דער גייסט זאָגט צו די קהלות. דעם, וואָס איז
מנצח, אים וועל איך געבן צו עסן פון דעם עץ החיים,
וואָס איז אינעם גן עדן פון ג־ט. (בראשית ב, ט; ג, כד.)
8 און צו דעם מלאך פון דער קהלה אין סמירנאַ
שרייב: